# גליון השבוע

פרשת תולדות

כתה ו'

ישיבה תורה ויראה דרבינו יואל דסאטמאר
נתייסדה ע"י כ"ק רבינו ה"ק בעל דברי יואל זצוק"ל - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א
בנין ישעי' זאב לעוו

**ויעתר לו ה'.**

רש"י זאגט: לו ולא לה. אז דער אויבערשטער האט צו געהערט די **תפלה** פון **יצחק**, און נישט פון רבקה.

**די** גמרא זאגט: "**כל המתפלל בעד חבירו**" ווען איינער איז מתפלל אויף א צווייטן, "**והוא צריך לאותו דבר**" און ער אליין דארף אויך א ישועה, "**הוא נענה תחלה**" ווערט ער געהאלפן צום ערשט.

**דאס** קען זיין פשט דא אין פסוק. יצחק האט מתפלל געווען, אז רבקה זאל געהאלפן ווערן. האט דער אויבערשטער צו געהערט די תפילות פון יצחק, און ער איז טאקע ערשט געהאלפן געווארן מיט קינדער. ווייל ער האט מתפלל געווען אויף א צווייטען.
(קדושת לוי)

**ורב יעבד צעיר:**

**ורב** ווער עס וויל אויסוואקסן גרויס אין תורה, און אין גוטע מידות. **יעבד** דארף ער אנהייבן צו ארבייטן. **צעיר** ווען ער איז נאך יונג.
(מאמר מרדכי)

**ורב יעבוד צעיר**

**ורב יעבוד**, מ'דארף א סאך ארבייטן, **צעיר**, אז מ'זאל זיך שטענדיג האלטן נישטיג און קליין, ווייל צו באקעמפן די שרעקליכע מדה פון גאווה, איז פון די שווערסטע עבודות.
(הגה"ק ר"ר אורי מסטערליסק זי"ע)

## אוצר השבוע

**ויאמר עשו אל יעקב הלעיטני נא מן האדום האדום הזה.**

**פארוואס** האט עשו געזאגט א דאפלט ווארט, האדום האדום הזה? עס זענען פאראן עטליכע פשטים:

**א)** די לינזען זענען געווען זעהר שטארק רויט, דערפאר רופט ער זיי "האדום האדום הזה".
(חזקוני)

**ב)** דער שטייגער איז ווען א מענטש רעדט עפעס איילנדיג, דאפלט ער זיינע ווערטער, עשו האט זיך דעמאלס שטארק געיאגט, זייענדיג הונגעריג און מיד, דעריבער האט ער געזאגט צוויי מאהל דער ווארט "האדום".
(רשב"ם)

**ג)** עשו האט געבעהטען פון יעקב צוויי רויטע זאכען, רויטע לינזען און רויטע וויין, דעריבער האט ער געזאגט צוויי מאהל דער ווארט "האדום".
(מדרש)

**ד)** איין "אדום" איז רויטע לינזען, און איין "אדום" איז עשו אליין, ער האט געזאגט, "זיפ אהן די רויטע לינזען, פאר דעם רויטן עשו".
(דעת זקנים מבעלי התוספות)

## כי עיף אנכי.

צו אלעמען האט עשו געהאט חשק, נאר ווען ס'האט זיך געהאנדלט איבער טאן מצוות ומעשים טובים, האט ער נישט געהאט קיין חשק, און איז שטענדיג מיד געווען. דאס איז דער רמז, **כי עיף "אנכי"**, ווען ס'קומט צו די תורה - וואס השי"ת האט אנגעפאנגען מיט'ןווארט **"אנכי"** - איז ער געווען מיד.

(כנסת יחזקאל)

## ויעקב איש תם יושב אהלים.

עס איז שווער, דא זאגט דער פסוק אז יעקב איז געווען א "תם" "ערליך און גאנץ" וואס קען קיינעם נישט אפנארן – און וויטער זעהט מען ווי יעקב האט אויסגענארט עשו און אויך לבן.

**נאר** עס שטייט נישט "ויעקב הי' תם" אז יעקב איז געווען א תם נאר **איש תם** דאס מיינט מען אז ער איז געווען א **איש** א "בעל הבית" **תם** אויף זיין תמימות, דאס הייסט אז סתם אזוי איז ער געווען א תמים, און ער איז געגאנגען מיט'ן גלייכען וועג, אבער ווען מען האט געדארפט נוצען קלוגשאפט זיך נישט צו לאזען אפנארען פון עשו און לבן האט ער דאס אויך געקענט .

דברי יחזקאל

## לא ידעתי יום מותי.

די גמרא זאגט (ברכות דף ה) **לעולם ירגיז אדם יצר טוב על יצה"ר** א מענטש זאל שטענדיג מלחמה האלטן מיטן יצה"ר **אם נצחו מטוב** אויב ער האט אים באזיגט איז גוט, **ואם לאו יקרא קר"ש** און אויב נישט, זאל ער ליינען קר"ש, און אויב ער האט אים נאך אלץ נישט באזיגט **יזכור לו יום המיתה** זאל ער זיך דערמאנען דעם טאג פון שטארבן.

אבער יצחק אבינו האט זיך דערמיט בארימט, אז ער האט נאך קיינמאל נישט געדארפט נוצן די עצה פון **יזכיר לו יום המיתה**, כדי צו באזיגען דעם יצה"ר, וועלכע איז די לעצטע עצה וואס די גמרא רעכענט אויס, ווייל דאס איז די לעצטע זאך וואס מ'דארף פרובירן.

(אמת ליעקב)

## עקב אשר שמע אברהם בקולי

אברהם אבינו איז אלט געוועהן דריי יאהר ווען ער האט זיך דערוואוסט אז עס איז דא א בורא עולם. דאס איז מרומז אין פסוק **"עקב אשר שמע אברהם בקולי"**, ווייל אברהם אבינו האט געלעבט 175 יאהר, און עקב איז בגימט' 172, דאס מיינט אז כמנין עקב וויפיל עס באטרעפט עקב **שמע אברהם בקולי**, האט אברהם צוגעהערט מיין קול און ער האט אנגעהויבען דינען השי"ת ביי דריי יאהר ווייל פון 3 ביז 175 איז 172 יאהר.

(נדרים ל"ב)

## ויאמר יעקב אל אביו אנכי עשו בכורך.

**דער** ספר הקדוש "חובת הלבבות" שרייבט: אז דער וואס רעדט לשון הרע, גיט אוועק אלע זיינע מצוות פאר דעם אויף וועם ער האט גערעדט. און ער באקומט נעבעך אלע עבירות פון יענעם אויף וועם ער האט גערעדט

**אויך** ברענגט דער חובת הלבבות **א מעשה**. אז עס איז געווען א חסיד וואס האט געהערט ווי איינער רעד אויף אים לשון הרע, האט ער אים געשיקט א שיסל מיט פירות אלץ א מתנה. און ער האט אים צו געשריבן א בריוו: אז ער שיקט אים דאס, אלץ א דאנק וואס ער האט אים אוועק געגעבן אלע זיינע מצוות.

**אויך** ווערט געברענגט אין ספר הק' בני יששכר. אז ווען איינער באקומט דעם חבר'ס זכותים, ווערט ער באטראכט פונקט ווי ער וואלט געווען דער מענטש וועמענס זכותים ער האט.

**מיט** דעם איז פארענטפערט די באקאנטע קשיא. ווי אזוי האט **יעקב אבינו** דער וואס איז געווען דער איש אמת, געקענט זאגן פאר זיין טאטע'ן יצחק א ליגענט ח"ו **"אנכי עשו בכורך"** ער איז דאך נישט געווען די בכור?

**נאר** ווייל עשו הרשע, וועלכע האט אייביג פיינט געהאט יעקב אבינו, האט ער דאך זיכער גערעדט אויף אים לשון הרע. האט דאך יעקב אבינו באקומען עשו'ס מצוות. ווייל עשו האט דאך געהאט עטליכע מצוות, ווי למשל כיבוד אב ואם. ווי דער מדרש ברענגט: אז ווען עשו איז געגאנגען מקיים זיין די מצוה פון כיבוד אב ואם, האט ער זיך אנגעטוען קעניגליכע קליידער.

**ממילא** וויבאלד יעקב אבינו האט באקומען די זכותים פון עשו הרשע'ס מצוות, איז דאך פונקט ווי ער אליין וואלט געווען עשו. (לויט דעם וואס דער בני יששכר זאגט) וועגן דעם האט ער געקענט זאגן **אנכי עשו בכורך**. איך בין עשו. און עס איז נישט געווען קיין ליגענט. ווייל איך האב זיינע זכותים.

(דברי יואל)

# מדת השבוע ~ לימוד התורה

**שטייט די וואך אין די סדרה "ויעקב איש תם יושב אוהלים" יעקב אבינו איז פון קינדוייז אן געזעסן אין די בתי מדרשים פון "שם ועבר" און עוסק געווען אין תורה.**

## "די חשובקייט פון לערנען תורה"

**סוף אונזער פרשה** (תולדות) ברענגט רש"י אז נאכדעם וואס יעקב האט באקומען די ברכות פון יצחק אבינו, איידער ער איז געגאנגען קיין חרן, איז ער געזעסן פערצן יאר אין בית המדרש פון עבר און געלערנט תורה.

אויף די צוויי און צוואנציג יאר וואס יעקב איז געווען ביי לבן, און ער האט דורך דעם נישט געקענט מקיים זיין "כיבוד אב ואם" איז ער געשטראפט געווארן אז יוסף איז געווען אוועק פון זיין שטוב צוויי און צוואנציג יאר, אבער אויף די דאזיגע פערצן יאר איז ער נישט געשטראפט געווארן, כאטש ער האט נישט מקיים געווען כיבוד אב ואם, וויבאלד ער האט געלערנט תורה, ווייל תורה באשיצט פון אלעם.

און **פרשת ויצא שטייט** אין פסוק **"וישכב במקום ההוא"** זאגט רש"י פון מדרש: נאר דא ביים הר המוריה איז יעקב אבינו געשלאפן, אבער די גאנצע פערצן יאר וואס ער איז געווען אין בית המדרש פון עבר איז ער נישט געשלאפן, נאר עוסק געווען בתורה.

**די גמרא** (מנחות צט) **דערציילט** אז "בן דמה" האט געפרעגט פון ר' ישמאל: איך האב שוין געלערנט די גאנצע תורה, מעג איך יעצט לערנען "חכמת יונית"? האט ר' ישמאל איהם גענטפערט: עס שטייט אין פסוק **"והגית בו יומם ולילה"** אויב דו וועסט טרעפן א צייט וואס איז נישט טאג און נישט נאכט, וועסטו קענען לערנען די גוי'אישע חכמות!

**חז"ל זאגן** אז יעדן טאג גייט ארויס א "בת קול" פון הר סיני און רופט אויס **"אוי להם לבריות מעלבונה של תורה"** - ווי איז צו די מענטשן וואס פארשעמען די תורה דורכדעם וואס זיי לערנען איר נישט. איז דאך שווער צו פארשטיין, וואס איז ווערד די "בת קול" אז קיינער הערט דאס סיי ווי נישט? האט דער בעל שם טוב דאס מסביר געווען: יעדן טאג שפירט א יעדע יוד איין רגע ווי עס גיט אים א קלאפ ביים הארץ, און ער טראכט צו זיך: אוי! איך האב נאך היינט נישט געלערנט... דער התעוררות לתשובה קומט פון דעם בת קול, אבער דער מענטש דארף אכטונג געבן אז די התעוררות זאל אנהאלטן, דעריבער זאל ער תיכף ומיד אנהייבן צו לערנען, אויב נישט ווערט דאס טאקע באלד פארלוירן. (תולדות יעקב יוסף פר' צו)

**די גמרא זאגט:** אויף דריי מענטשן וויינט השי"ת אויף זיי יעדן טאג. די ערשטע איז: אויף דעם וואס קען עוסק זיין בתורה, און ער איז נישט עוסק!

## מְסִירַת נֶפֶשׁ פַּאר תּוֹרָה!

דער הייליגער תנא הילל הזקן איז געווען א תלמיד פון די הייליגע תנאים שמעי' און אבטליון,

הילל איז געווען א גרויסע ארימאן און ער האט פארדינט זייער ווייניג געלט אין איין טאג, מיט האלב געלט האט ער געקויפט עסן פאר זיין משפחה אין מיט די אנדערע האלב האט ער באצאלט פארן שומר פון שוהל אז ער זאל קענען לערנען די הייליגע תורה פון זיינע רבי'ס,

אזוי האט זיך הילל געפירט יעדן טאג און ווען הילל איז געזעצן אין בית המדרש איז ער געווען די גליקליכסטע מענטש אויף דער וועלט,

איין פרייטאג איז געווען זייער א קאלטע טאג און ער האט נישט געקענט גיין ארבעטן און ער האט נישט געהאט קיין איין פרוטה צו באצאלן פארן שומר, האט זיך הילל געבעטן צום שומר: איך בעט דיר האב רחמנות אויף מיר ביטע לאז מיך אריין אין שוהל, אבער דער שומר האט אים נישט אריינגעלאזט,

הילל איז נישט אהיים געגאנגען נאר ער האט אנגעהויבן צו זיכן א וועג ווי אזוי ער קען אנקומען אין ביהמ"ד, פלוצלינג דערזעהט ער א לייטער וואס איז אויפגעשטעלטצום דאך איז ער שנעל ארויפגעקראכן אויפן לייטער און אויפן דאך איז געווען א פענסטער איז ער צוגעגאנגען צום פענסטער און ער האט זיך דארט אראפגעלייגט און ער האט אלעס געקענט זעהן און הערן וואס מען לערנט און ער האט אלעס פארשטאנען און ער האט זיך מחי' געווען,

ער האט גארנישט געשפירט ווי עס שנייט אויף אים און אזוי איז ער דארט איינגעשלאפן אויפן פענסטער און ער איז געווארן אינגאנצן באדעקט מיט שניי, שבת אינדערפרי ווען שמעי' און אבטליון זענען געקומען אין שוהל האבן זיי געזעהן אז עס איז טונקעל אין שוהל האבן זיי ארויף געקוקט אויפן דאך האבן זיי געזעהן אז עס איז דא א מענטש דארט האבן זיי געהייסן אז מען זאל אים אראפנעמען, האט מען אוועקגעשארט די שניי און מען האט געטראפן אז הילל ליגט דארט פארחלש'ט, האט שמעי' געהייסן אז מען אנצינדען א פייער און אים דערוואַרעמען און אזוי האט זיך הילל דערמינטערט,

פון די מעשה זעהט מען וואס דאס הייסט מסירת נפש פאר תורה.

# הילולא השבוע

**הרה"ק רבי צבי הירש ב"ר יהודא מרימנוב זי"ע**

יומדה"ל ל' חשון שנת ה' אלפים תר"ז

דער הייליגער הרה"ק רבי צבי הירש הכהן מרימנוב זי"ע איז געבוירן אין יאָר תקל"ח, אין דאָמבראָווא צו זיין פאָטער רבי יהודא לייב הכהן ז"ל. יונגערהייט, אַלס קינד פון צען יאָר, איז דער רבי ר' הירש זי"ע געוואָרן אַ יתום פון זיין טאַטן און און מאַמען. זיין פעטער האָט אים אַריינגענומען צו ערציען ביי זיך אין שטוב.

דער רבי ר' הערש איידער ער איז געווארען רבי איז ער געוועהן באוויסט אלס הערש משרת, פארוואס האט מען איהם אזוי געריפען? ווייל ווען ער איז געקומען קיין רימנוב, איז ער געוועהן אן ארימע קינד, אין האט גארנישט געקענט לערנען, ער איז אבער געוועהן זייער אן ערליכע יונגל, ווייל ער האט געהאט גאהר א הייליגע נשמה, ער פלעגט העלפן דעם רבינ'ס גבאי,

אלעס פלעגט אים די גבאי לאזן העלפן אויסער דעם בעט פונ'ם רבי'ן, האט די גבאי איהם נישט געלאזט, איין טאג איז ער צו געגאנגען צו דער גבאי און איהם געבעהטן, "איך בעהט דיך לאז מיך איין טאג מאכען די בעט פארן רבי'ן", דער גבאי האט אבער מורא געהאט אז דער רבי וועט זיך בייזערן אז ער לאזט אן אנדערן מאכן די בעט, האט ער איהם אפגעשטיפט און געזאגט אז ער קען אזוינס נישט טוהן, און אזוי איז געגאנגען טאג טעגליך דאס בחור'ל האט געבעהטען אז ער וויל מאכען די בעט פארן רבי'ן, און דער גבאי האט נישט געלאזט,

מאכט זיך אבער אין א טאג וואס דער גבאי האט נישט געקענט זיין, האט ער געזאגט פאר דעם בחור היינט קענסטו מאכען די בעט פארן רבי'ן, אבער זעה אז די זאלסט עס מאכען פונקטלעך ווי איך זאג דיר כדי דער רבי זאל נישט דערקענען קיין חילוק, דער בחור'ל הערש האט אזוי געטוהן,

אבער ווען דער רבי ר' מענדעלע איז אריין געקומען אין שטוב שפעטער האט ער געגעבן א פרעג, "ווער האט דאס געמאכט מיין בעט היינט", דער גבאי האט זיך זייער דערשראקען, און האט זיך פארענטפערט אז ער האט געדארפט וויכטיג אוועק גיין און עס איז נישט געוועהן קיין צווייטען האט ער געבעהטן דער בחור הערש ער זאל מאכען די בעט, דער רבי זאל מוחל זיין אויב האב איך נישט גוט געטוהן,

זאגט דער רבי ר' מענדעלע "ניין! איך בין נישט בייז ח"ו, נאר איך וויל אז פון היינט זאל ער ווערן די משרת ביי מיר אינדערהיים, אזוי איז דער רבי ר' הערש געווארען די משרת, און ער האט טאקע גוט צוגעקוקט צו דער עבודה פון זיין הייליגען רבי'ן. ער איז אויסגעוואקסען אזוי גרויס, אז נאך דעם וואס דער רבי ר' מענדעלע איז נפטר געווארען, האבען די תלמידים געזאגט אז זיי האבן געהערט פון זייער רבי אז דער רבי ר' הערש איז דער ממלא מקום, און מען האט איהם טאקע אויפגענומען אלס מנהיג, און רבי.

# סיפור השבוע

**די הייליגע חקל יצחק פלעגט פארציילן:**

**יעקב און עשו** האבן זיך צוטיילט מיט די צוויי וועלטן, **יעקב** האט גענומען עולם הבא און עשו האט גענומען עולם הזה,

**עשו** – ווייל ער האט גענומען עולם הזה, איז ער ארויס אויף'ן גאס און זיך ארום געדרייט אין די וועלדער און אין די פעלדער, "**דער וועלט איז דאך זיינס**",

**יעקב אבער** – האט זיך אריינגעזעצט אין בית המדרש, און געמאכט א ישיבה צו לערנען מיט תלמידים, ער האט דאך נישט וואס צו זיכן אויף דער גאס, "**דער וועלט איז דאך נישט זיינס**",

האט אמאל פאסירט  אז עשו איז אריין אין וואלד פאנגען חיות, ער האט זיך פארזוימט ביז שפעט אין די נאכמיטאג שעות, אויפאמאל טרעפט ער זיך אין דעם טינקעלן וואלד, עס איז שוין געווארן נאכט, און ער טרעפט נישט קיין וועג ארויס, עס איז א קאלטע ווינטער נאכט, ער איז הינגעריג און מיעד און ער האלט עס נישט אויס, ער קלעטערט אזוי ארום, מיטאמאל דערזעהט ער פון דערווייטענס עפעס א ליכטיגקייט, ער שלעפט זיך אהין מיט זיינע לעצטע כוחות, ער גייט דארט אריין און דערכאפט זיך דאס לעבן מיט עפעס ווארעמס און קומט צו זיך, נאך א קורצע צייט ווען ער איז שוין געקומען צו זיך, האט ער זיך אויפגעשטעלט און זיך אומגעקוקט וואו ער איז דא אריינגעפאלן.

**זעהט ער** – ווי ער זיצט גאר אין א בית המדרש, מען זיצט דא און מ'לערנט, עס איז צוגעשטעלט הייצונג אנצווארעמען די בני ישיבה אין די גרויסע ווינטער, אויך איז צוגעשטעלט ווארעמס צו טרינקען פאר די בני הישיבה, און אויבן אהן זעהט ער ווי זיין ברודער יעקב זיצט פארטוהן אין לערנען,

**עשו ווערט ווילד** – און ער באפאלט יעקב'ן מיט טענות, מיר האבן זיך דאך צוטיילט מיט די צוויי וועלטן, עולם הזה האב איך גענומען, און דא מוז איך זיך ארומדרייען אין די גאסן און אין די וועלדער, און איך ווער ממש פארפרוירן, און איך שטעל זיך איין דאס לעבן, און דו זיצט זיך דא באקוועם אין א ווארעם בית המדרש,

**האט עהם יעקב גענטפערט:** דו ביסט גערעכט עוה"ז איז דיינס, איך גיב דיר טאקע שוין איבער דעם ווארעם בית המדרש, און דו גיב מיר דיין פערד און וואגן, יעקב האט איבער געגעבן זיין פלאץ פאר עשו, און ער האט זיך געזעצט אויף'ן וואגן, און אוועק פון בית המדרש,

**עשו** האט זיך געזעצט אויבן אהן אויף יעקב'ס פלאץ מיט א ווערמע קאווע - ער האט דאך עוה"ז, מיטאמאל באמערקן די תלמידים  וואס דא איז געשעהן, יעקב איז מער נישט דא - אויבן אהן זיצט גאר עשו, עס איז מער נישט דא וועמען צו פרעגן א פשט אין תוספות, צוביסלעך האבן זיך די תלמידים אנגעהויבן ארויס צו רוקן פון בית המדרש, דאס ביהמ"ד איז געווארן ליידיג, האבן די גבאים אויפגעהערט צוצישטעלן ווארעמס צו טרינקען, די הייצונג האט זיך אויפגעהערט, און די ליכט איז אויסגעגאנגען,

**מיט די צייט** האט זיך עשו געטראפן – אז ער זיצט אין א טינקלען קאלטן ביהמ"ד, טראכט ער צו זיך, דאס איז דאך אויך נישט קיין עולם הזה, לויפט ער שנעל ארויס און ער זיכט אויף יעקב, זאגט ער צו עהם – דאס איז א טעות, א קאלטע טינקעלע ביהמ"ד איז נישט קיין עולם הזה, דו קענסט צוריק גיין אין ביהמ"ד, איך דארף עוה"ז,

**האט אים יעקב גענטפערט:** איך גיי צוריק אין ביהמ"ד, אבער די פערד און וואגן – פרנסה, בלייבט ביי מיר, און יעקב איז צוריק געגאנגען אין ביהמ"ד.